בס"ד

גליון 34

# דעם רבינ'ס מעשיות

## ספורי מעשיות משנים קדמוניות

## מרבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# המעשה עם הבחינות

## בלשה"ק ובאידיש

# מַעֲשֶׂה י"ג

## מ"שִׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס" - "דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס" (5)

דֶער פֶּערְטֶער טָאג - דֶער בֶּעטְלֶער דֶער קְרוּמֶער הַאלְדְז

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה יג - מִ'הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְ'ס' שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

כְּשֶׁגָּמְרוּ הַשִּׂמְחָה שֶׁל אוֹתוֹ הַיּוֹם וְלָנוּ אַחֲרֵי־כֵן, בַּבֹּקֶר חָזְרוּ הַזּוּג כַּנַּ"ל וְהָיוּ מִתְגַּעְגְּעִים וְכוּ' אַחֲרֵי הַבֶּעטְלֶיר שֶׁהָיָה צַוָּארוֹ עָקֹם. בְּתוֹךְ כָּךְ וְהִנֵּה הוּא בָּא, וְאָמַר הִנְנִי וְכוּ'.

בַּתְּחִלָּה בֵּרַכְתִּי אֶתְכֶם שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי, עַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם בְּמַתָּנָה לַדְּרָשָׁה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי. וְאַתֶּם סוֹבְרִים שֶׁיֵּשׁ לִי צַוָּאר עָקֹם? אֵין צַוָּארִי עָקֹם כְּלָל. אַדְּרַבָּא, יֵשׁ לִי צַוָּאר שָׁוֶה מְאֹד, צַוָּאר יָפֶה מְאֹד.

רַק שֶׁיֵּשׁ הַבְלֵי עוֹלָם. וַאֲנִי אֵינִי רוֹצֶה לְהוֹצִיא שׁוּם הֶבֶל וְרוּחַ (שֶׁקּוֹרִין דוּךְ) בְּהַבְלֵי עוֹלָם. (וּמֵחֲמַת זֶה נִדְמֶה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקֹם, כִּי הוּא מְעַקֵּם צַוָּארוֹ מֵהַבְלֵי עוֹלָם וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהוֹצִיא שׁוּם הֶבֶל וָרוּחַ בְּהַבְלֵי עוֹלָם)

אֲבָל בֶּאֱמֶת יֵשׁ לִי צַוָּאר יָפֶה מְאֹד, צַוָּאר נִפְלָא מְאֹד. כִּי יֵשׁ לִי קוֹל נִפְלָא מְאֹד. וְכָל מִינֵי הַקּוֹלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, שֶׁהֵם קוֹל בְּלֹא דִּבּוּר, כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהוֹצִיאָם בְּקוֹלִי. כִּי יֵשׁ לִי צַוָּאר וְקוֹל נִפְלָא מְאֹד. וְיֵשׁ לִי הַסְכָּמָה עַל זֶה מֵאוֹתָהּ הַמְּדִינָה.

כִּי יֵשׁ מְדִינָה שֶׁהֵם בְּקִיאִים מְאֹד בְּחָכְמַת הַנְּגִינָה (שֶׁקּוֹרִין מָאזִיקָא). וְכֻלָּם עוֹסְקִים שָׁם בְּחָכְמָה זוֹ, וַאֲפִלּוּ בָּנִים קְטַנִּים. וְאֵין שָׁם קָטָן שֶׁלֹּא יָכוֹל לְנַגֵּן עַל אֵיזֶה כְּלִי שִׁיר. וְהַקָּטָן שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּדִינָה, הוּא חָכָם גָּדוֹל בִּמְדִינָה אַחֶרֶת בְּאוֹתוֹ הַחָכְמָה שֶׁל נְגִינָה. וְהַחֲכָמִים וְהַמֶּלֶךְ שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּדִינָה וְהַקַּאפֶּעלְיֶישׁ הֵם חֲכָמִים מֻפְלָגִים מְאֹד מְאֹד בְּאוֹתוֹ הַחָכְמָה.

פַּעַם אַחַת יָשְׁבוּ הַחֲכָמִים שֶׁל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה. וְהָיָה כָּל אֶחָד מִתְפָּאֵר בַּנְּגִינָה שֶׁלּוֹ: זֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁהוּא יוֹדֵעַ לְנַגֵּן עַל כְּלִי שִׁיר פְּלוֹנִי, וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיּוֹדֵעַ לְנַגֵּן עַל כְּלִי שִׁיר פְּלוֹנִי, וְזֶה הִתְפָּאֵר בִּכְלִי שִׁיר פְּלוֹנִי. וְזֶה הָיָה מִתְפָּאֵר שֶׁיּוֹדֵעַ לְנַגֵּן עַל כַּמָּה כְּלֵי שִׁיר. וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיּוֹדֵעַ לְנַגֵּן עַל כָּל כְּלֵי שִׁיר, וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲשׂוֹת בְּקוֹלוֹ כְּמוֹ כְּלִי שִׁיר פְּלוֹנִי, וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲשׂוֹת בְּקוֹלוֹ כְּמוֹ כְּלִי שִׁיר פְּלוֹנִי. וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲשׂוֹת בְּקוֹלוֹ כְּמוֹ כַּמָּה כְּלֵי שִׁיר. וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲשׂוֹת בְּקוֹלוֹ כְּמוֹ תֹּף מַמָּשׁ, (שֶׁקּוֹרִין פּוּיק) כְּאִלּוּ מַכִּין בְּתֹף. וְזֶה הִתְפָּאֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲשׂוֹת בְּקוֹלוֹ כְּאִלּוּ מוֹרִין בִּקְנֵי שְׂרֵפָה (שֶׁקּוֹרִין אוֹרְמַאטֶיס)

וַאֲנִי הָיִיתִי גַּם־כֵּן שָׁם. עָנִיתִי אֲנִי וְאָמַרְתִּי לָהֶם: קוֹלִי, טוֹב יוֹתֵר מִקּוֹלוֹת שֶׁלָּכֶם! וְהָא רְאָיָה. כִּי אִם אַתֶּם חֲכָמִים כָּל־כָּךְ בְּקוֹל נְגִינָה, אִם־כֵּן הוֹשִׁיעוּ אֶת אוֹתָן שְׁתֵּי מְדִינוֹת.

וְאֵלּוּ הַשְּׁתֵּי מְדִינוֹת הֵם רְחוֹקִים זֶה מִזֶּה אֶלֶף פַּרְסָאוֹת. וּבְאֵלּוּ שְׁתֵּי הַמְּדִינוֹת, כְּשֶׁמַּגִּיעַ הַלַּיְלָה אֵין יְכוֹלִין לִישֹׁן. כִּי כְּשֶׁנַּעֲשֶׂה לַיְלָה אֲזַי מַתְחִילִים הַכֹּל לִהְיוֹת מְיַלְלִים בְּקוֹל יְלָלָה, אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף. אִם הָיָה מֻנָּח שָׁם אֶבֶן, הָיָה נִמּוֹחַ. כִּי בַּלַּיְלָה הֵם שׁוֹמְעִים קוֹל יְלָלָה מְאֹד, וּמֵחֲמַת זֶה כֻּלָּם מְיַלְלִים אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְכוּ'. (וְכֵן מִתְנַהֵג בִּשְׁתֵּי הַמְּדִינוֹת) כִּי בִּמְדִינָה זוֹ שׁוֹמְעִים הַקּוֹל יְלָלָה, וּמְיַלְלִים הַכֹּל כַּנַּ"ל.

וְכֵן בִּמְדִינָה אַחֶרֶת גַּם־כֵּן כֵּן. וּשְׁתֵּי הַמְּדִינוֹת הֵם רְחוֹקִים זֶה מִזֶּה אֶלֶף פַּרְסָאוֹת. וְעַל כֵּן אִם אַתֶּם חֲכָמִים כָּל־כָּךְ בִּנְגִינָה, אֶרְאֶה אִם תּוּכְלוּ לְהוֹשִׁיעַ אֶת אוֹתָן שְׁתֵּי הַמְּדִינוֹת, אוֹ שֶׁתּוּכְלוּ לְכַוֵּן לַעֲשׂוֹת אֶת קוֹלָם. (הַיְנוּ שֶׁהֵם יְכַוְּנוּ לְהוֹצִיא קוֹל מְכֻוָּן כְּמוֹ קוֹל הַיְלָלָה הַנִּשְׁמָע שָׁם)

וְאָמְרוּ לוֹ: (הַיְנוּ הַחֲכָמִים הַנַּ"ל אָמְרוּ לָזֶה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקֹם) הֲתוֹלִיךְ אוֹתָנוּ לְשָׁם? וְאָמַר: הֵן, אֲנִי מוֹלִיךְ אֶתְכֶם לְשָׁם. וְנִתְעוֹרְרוּ כֻּלָּם לֵילֵךְ לְשָׁם. וְהָלְכוּ וּבָאוּ לְשָׁם. (הַיְנוּ לְאַחַת מִשְּׁתֵּי הַמְּדִינוֹת הַנַּ"ל) כְּשֶׁבָּאוּ לְשָׁם, כְּשֶׁהִגִּיעַ הַלַּיְלָה, הָיָה כַּנַּ"ל שֶׁהָיוּ כֻּלָּם מְיַלְלִים מְאֹד כַּנַּ"ל. וְגַם הַחֲכָמִים הַנַּ"ל גַּם־כֵּן הָיוּ מְיַלְלִים. (וּמִמֵּילָא רָאוּ בְּוַדַּאי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהוֹשִׁיעַ אֶת אוֹתָן הַמְּדִינוֹת).

וְאָמַר לָהֶם: (הַיְנוּ זֶה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקֹם אָמַר אֶל הַחֲכָמִים הַנַּ"ל) עַל כָּל פָּנִים, תֹּאמְרוּ לִי מֵהֵיכָן בָּא זֹאת שֶׁנִּשְׁמָע קוֹל יְלָלָה הַנַּ"ל כַּנַּ"ל? אָמְרוּ לוֹ: וְאַתָּה יוֹדֵעַ? הֵשִׁיב: אֲנִי יוֹדֵעַ בְּוַדַּאי.

כִּי יֵשׁ שְׁנֵי צִפֳּרִים, אֶחָד זָכָר וְאַחַת נְקֵבָה, וְהֵם רַק זוּג אֶחָד בָּעוֹלָם. וְנֶאֶבְדָה הַנְּקֵבָה. וְהוּא הוֹלֵךְ וּמְחַפֵּשׂ אוֹתָהּ, וְהִיא מְחַפֶּשֶׂת אוֹתוֹ. וְהָיוּ מְחַפְּשִׂים הַרְבֵּה זֶה אֶת זֶה עַד שֶׁנִּתְעוּ, וְרָאוּ שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לִמְצֹא אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ. וְנִשְׁאֲרוּ עוֹמְדִים,

וְעָשׂוּ לָהֶם קִנִּים. זֶה הַצִּפּוֹר עָשָׂה לוֹ קֵן סָמוּךְ לִמְדִינָה אַחַת מִשְּׁתֵּי הַמְּדִינוֹת הַנַּ"ל. וְלֹא סָמוּךְ מַמָּשׁ, רַק שֶׁבְּעֵרֶךְ קוֹל הַצִּפּוֹר הוּא סָמוּךְ, כִּי יְכוֹלִים לִשְׁמֹעַ הַקּוֹל שֶׁל הַצִּפּוֹר בְּאוֹתוֹ הַמְּדִינָה מִמָּקוֹם שֶׁעָמַד שָׁם. וְעָשָׂה לוֹ קֵן. וְכֵן הִיא עָשְׂתָה לָהּ גַּם־כֵּן קֵן סָמוּךְ לַמְּדִינָה הַשְּׁנִיָּה (הַיְנוּ גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל שֶׁהוּא סָמוּךְ מֵחֲמַת שֶׁיְּכוֹלִים לִשְׁמֹעַ שָׁם הַקּוֹל כַּנַּ"ל).

וּכְשֶׁמַּגִּיעַ הַלַּיְלָה, אֲזַי אֵלּוּ הַזּוּג צִפֳּרִים מַתְחִילִים כָּל אֶחָד וְאַחַת לְיַלֵּל בְּקוֹל יְלָלָה גְּדוֹלָה מְאֹד, כִּי כָּל אֶחָד מְיַלֵּל עַל זוּגוֹ כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ הַקּוֹל יְלָלָה שֶׁנִּשְׁמַע בְּאֵלּוּ שְׁתֵּי הַמְּדִינוֹת. (אֲשֶׁר מֵחֲמַת אוֹתוֹ הַקּוֹל יְלָלָה כֻּלָּם מְיַלְּלִים מְאֹד וְאֵינָם יְכוֹלִים לִישֹׁן) אַךְ לֹא רָצוּ לְהַאֲמִין זֹאת.

וְאָמְרוּ לוֹ: הֲתוֹלִיךְ אוֹתָנוּ לְשָׁם? וְאָמַר הֵן. (אֲנִי יָכוֹל לְהוֹלִיךְ אֶתְכֶם לְשָׁם) אַךְ אֵין אַתֶּם יְכוֹלִים לָבוֹא לְשָׁם. כִּי כְּשֶׁתִּתְקָרְבוּ לְשָׁם, לֹא תּוּכְלוּ לִסְבֹּל אֶת קוֹל הַיְלָלָה. מֵאַחַר שֶׁגַּם כָּאן אֵין אַתֶּם יְכוֹלִים לִסְבֹּל, וְאַתֶּם מֻכְרָחִים גַּם־כֵּן לְיַלֵּל כַּנַּ"ל, כְּשֶׁתַּגִּיעוּ לְשָׁם לֹא תּוּכְלוּ לִסְבֹּל כְּלָל.

וּבַיּוֹם (אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְשָׁם כִּי בַּיּוֹם) אִי אֶפְשָׁר לִסְבֹּל הַשִּׂמְחָה שֶׁיֵּשׁ שָׁם. כִּי בַּיּוֹם מִתְקַבְּצִים שָׁם צִפֳּרִים אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאַחַת מֵהַזּוּג הַנַּ"ל, וְהֵם מְנַחֲמִים וּמְשַׂמְּחִים אֶת כָּל אֶחָד וְאַחַת מֵהַזּוּג הַנַּ"ל בִּשְׂמָחוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד, וְאוֹמְרִים לָהֶם דִּבְרֵי תַּנְחוּמִין, שֶׁעֲדַיִן אֶפְשָׁר שֶׁתִּמְצְאוּ זֶה אֶת זוֹ עַד שֶׁבַּיּוֹם אִי אֶפְשָׁר לִסְבֹּל אֶת גֹּדֶל הַשִּׂמְחָה שֶׁיֵּשׁ שָׁם.

וְקוֹל הַצִּפֳּרִים שֶׁמְּשַׂמְּחִים אוֹתָם אֵינוֹ נִשְׁמָע לְמֵרָחוֹק, רַק כְּשֶׁמַּגִּיעִים לְשָׁם. אֲבָל קוֹל הַזּוּג הַנַּ"ל שֶׁמְּיַלְּלִים בַּלַּיְלָה, הוּא נִשְׁמָע לְמֵרָחוֹק. וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְשָׁם מֵחֲמַת זֶה כַּנַּ"ל.

אָמְרוּ לוֹ: (הַיְנוּ הַחֲכָמִים הַנַּ"ל אָמְרוּ לָזֶה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקוֹם) וְאַתָּה יָכוֹל לְתַקֵּן זֹאת? הֵשִׁיב: אֲנִי יָכוֹל לְתַקֵּן, כִּי אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת וּלְכַוֵּן כָּל הַקּוֹלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם. (הַיְנוּ שֶׁכָּל מִינֵי קוֹלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם הוּא יָכוֹל לְהוֹצִיאָם בְּקוֹלוֹ, וּלְכַוֵּן מַמָּשׁ כְּמוֹ אֵיזֶה קוֹל שֶׁיִּהְיֶה)

גַּם אֲנִי יָכוֹל לְהַשְׁלִיךְ קוֹלוֹת. הַיְנוּ, כִּי אֲנִי יָכוֹל לְהַשְׁלִיךְ קוֹל, שֶׁבְּכָאן, בַּמָּקוֹם שֶׁאֲנִי מוֹצִיא הַקּוֹל, לֹא יִהְיֶה נִשְׁמָע הַקּוֹל כְּלָל. רַק בְּרָחוֹק יִהְיֶה נִשְׁמָע שָׁם הַקּוֹל. וְעַל כֵּן אֲנִי יָכוֹל לְהַשְׁלִיךְ אֶת הַקּוֹל שֶׁל הַצִּפּוֹרָה, שֶׁיַּגִּיעַ סָמוּךְ לִמְקוֹם הַצִּפּוֹר. וְכֵן לְהַשְׁלִיךְ קוֹל הַצִּפּוֹר, שֶׁיַּגִּיעַ סָמוּךְ לִמְקוֹם הַצִּפּוֹרָה. וּלְהַמְשִׁיכָם יַחַד עַל־יְדֵי־זֶה. (וְעַל־יְדֵי־זֶה יִתְתַּקֵּן כָּל הַנַּ"ל).

אַךְ מִי יַאֲמִין זֹאת?. וְהוֹלִיךְ אוֹתָם לְתוֹךְ אֵיזֶה יַעַר. וְשָׁמְעוּ כְּמוֹ אֶחָד שֶׁפּוֹתֵחַ אֶת הַדֶּלֶת, וְחוֹזֵר וְסוֹגְרוֹ וְנוֹעֲלוֹ בִּבְרִיחַ (שֶׁקּוֹרִין קְלַאמְקָא), וְנִשְׁמַע קוֹל הַהַכָּאָה שֶׁל (הַקְּלַאמְקָא) וּמוֹרֶה בִּקְנֵי שְׂרֵפָה (שֶׁקּוֹרִין בִּיקְס), וְשׁוֹלֵחַ אֶת הַכֶּלֶב לַחֲטֹף (אֶת הַדָּבָר שֶׁהָיָה מוֹרֶה). וְהַכֶּלֶב הָיָה מִתְחַבֵּט וְגוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַשֶּׁלֶג (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז גִּיגְרָאזְנִיט אִין שְׁנֵייא).

וְכָל זֶה שָׁמְעוּ אֵלּוּ הַחֲכָמִים וְהִסְתַּכְּלוּ, וְלֹא רָאוּ דָּבָר. גַּם לֹא שָׁמְעוּ מִמֶּנּוּ (הַיְנוּ מִן זֶה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקֹם) שׁוּם קוֹל כְּלָל. (רַק שֶׁזֶּה שֶׁצַּוָּארוֹ עָקֹם הָיָה מַשְׁלִיךְ קוֹלוֹת כָּאֵלּוּ, וְעַל כֵּן שָׁמְעוּ אֵלּוּ הַקּוֹלוֹת. וּמִמֵּילָא רָאוּ שֶׁהוּא יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כָּל הַקּוֹלוֹת וּלְכַוְּנָם מַמָּשׁ. וְגַם לְהַשְׁלִיךְ קוֹלוֹת. וְעַל כֵּן יוּכַל לְתַקֵּן אֶת כָּל הַנַּ"ל.. וְלֹא סִפֵּר יוֹתֵר בָּזֶה הָעִנְיָן וּמוּבָן שֶׁדִּלֵּג בְּכָאן).

נִמְצָא, שֶׁיֵּשׁ לִי הַסְכָּמָה מֵאוֹתוֹ הַמְּדִינָה שֶׁקּוֹלִי נִפְלָא מְאֹד. וַאֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כָּל מִינֵי קוֹלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כַּנַּ"ל. וְעַתָּה אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם זֹאת בְּמַתָּנָה גְּמוּרָה לַדְּרָשָׁה שֶׁתִּהְיוּ כָּמוֹנִי. וְנַעֲשָׂה שָׁם שִׂמְחָה גְּדוֹלָה וְחֶדְוָה רַבָּה מְאֹד.

# מעשיות דעם רבינ'ס



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י"ג (5) - מהשבעה בעטלירס

**א. שאלת זכות: באיזה יום סיפר רבינו את המעשה של הבעטלער שצווערו עקום?** (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ ביום שב"ק כ"ה אדר תק"ע
- ❑ ביום שב"ק ג' ניסן תק"ע
- ❑ ביום שלישי ו' ניסן תק"ע

**ב. איזה מין צוואר היה לבעטלער הרביעי?**
- ❑ צוואר עקום
- ❑ צוואר יפה מאוד
- ❑ צוואר שוה ויפה מאוד

**ג. איזה קול היה לבעטלער שצווארו עקום?**
- ❑ קול צרוד
- ❑ קול נמוך
- ❑ קול נפלא מאוד

**ד. ממי יש לו הסכמה על זה?**
- ❑ מהמדינה של חיים טובים
- ❑ מהאיש חסד האמת
- ❑ מהמדינה שהם בקיאים מאוד בחכמת הנגינה

**ה. כמה חכמים מנה רבינו שהתפארו בזה?**
- ❑ שלש
- ❑ שבעה
- ❑ עשרה

**ו. איזה קולות מפרט רבינו בהתפארותם?**
- ❑ תוף וכינור
- ❑ תוף וחליל
- ❑ תוף וקול שמורין בקנה שריפה

**ז. למה אמר הבעטלער שקולו טוב יותר מהקולות שלהם?**
- ❑ כי הקול שלהם נמוך מאוד
- ❑ כי קולם צרוד
- ❑ כי הם לא יכולים להושיע את אותן שתי המדינות

**ח. מה המרחק בין שתי המדינות שצריך להושיע אותם?**
- ❑ חמש מאות פרסאות
- ❑ אלף פרסאות
- ❑ אלפיים אמה כתחום שבת

**ט. מה נעשה באותן שתי המדינות בלילה?**
- ❑ הזקנים מיללים שם
- ❑ הנשים והטף מיללים שם
- ❑ כולם מיללים אנשים נשים וטף

**י. מה קרה לחכמים כששמעו קול היללה של המדינה?**
- ❑ אמרו שיש להם עֵצָה איך להושיע אותם
- ❑ היו מיללים גם כן
- ❑ שתי התשובות נכונות

**יא. מה אמר הבעטלער מהיכן מגיע קול היללה?**
- ❑ משני ציפורים שנאבדו ועומדים סמוכים לשתי המדינות ובלילה הם מיללים
- ❑ מארי השואג
- ❑ מאנשים שמיללים

**יב. למה החכמים לא יכולים להגיע סמוך לציפור?**
- ❑ כי הבעטלער לא יכול להוליך אותם לשם
- ❑ כי זה דרך מסוכנת מאוד
- ❑ כי הם לא יוכלו לסבול את קול היללה

**יג. וביום למה לא יכולים להגיע לשם?**
- ❑ כי בסמוך להם שומעין הקול היללה גם ביום
- ❑ כי הבעטלער לא יכול להוליך אותם לשם
- ❑ כי אי אפשר לסבול שם את גודל השמחה שיש שם ביום

**יד. עד איזה מרחק שומעים את קול הציפורים שמנחמים ומשמחים אותם?**
- ❑ שומעים רחוק כמו קול היללה בלילה
- ❑ שומעים רחוק יותר מקול היללה בלילה
- ❑ שומעים רק כשמגיעים לשם

**טו. להיכן הוליך הבעטלער את החכמים?**
- ❑ לאיזה יער
- ❑ לביתו
- ❑ לפרדס נפלא

**טז. מאיזה דברים שמעו שם קול?**
- ❑ מתוף, וכינור, דלת, וכלב.
- ❑ מדלת-וקלאמקע, וביקס (קני שריפה), וכלב
- ❑ מתוף, וכינור, דלת-וקלאמקע

**יז. שאלת זכות: מה אתה לומד מהסיפור של הבעטלער הרביעי?**
- ❑ שראוי לשמוח מאוד עם התקוה שימצאו זה את זה
- ❑ גדולת הבעטלער שיכול להושיע את שתי המדינות
- ❑ ____________________.

## ונעשה שם שמחה גדולה וחדוה רבה מאוד - בהצלחה

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ **״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״** – לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִיש – אָן צוּ פַארְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגְעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## פֶּרֶק ו – פֶערְטְן טָאג
## – דֶער בֶּעטְלֶער מִיטְן קְרוּמֶען הַאלְז –

**[אוֹת א] אַז זֵיי הָאבְּן גוֹמֵר גֶעוֶוען** [גֶעעֶנְדִיגְט] **דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם** [דְרִיטְן] **טָאג, אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט – אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן זֵיי זִיךְ ווִידֶער דֶערְמַאנְט, אוּן הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט וְכוּ׳, נָאךְ דֶעם ׳בֶּעטְלֶער׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ ׳קְרוּמֶען־הַאלְז׳!**

**דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: ״אִיךְ בִּין דָא וְכוּ׳! – פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ!**

**אִיר מֵיינְט, אַז אִיךְ הָאבּ אַ ׳קְרוּמֶען־הַאלְז׳! – אִיךְ הָאבּ גָאר קַיין ׳קְרוּמֶען־הַאלְז׳ נִישְׁט! אַדְרַבָּא, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ׳גְלַייכְן־הַאלְז׳! זֵייעֶר אַ ׳שֵׁיינֶעם־הַאלְז׳! – נָאר סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן הַבְלֵי־עוֹלָם** (דְהַיְינוּ: נַארִישְׁקַייט פוּן דֶער וֶועלְט)**, אוּן אִיךְ ווִיל גָאר קַיין שׁוּם דוּךְ** [הֶבֶל־פַּארֶע] **אִין** [דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן] **דֶער וֶועלְט, נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן!**

(אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים [עֶס זֶעהְט אוֹיס], ווִי [עֶר הָאט] אַ ׳קְרוּמֶער־הַאלְז׳ – וָוארְן עֶר פַארְקְרוּמְט דֶעם הַאלְז פוּן דִי הַבְלֵי־עוֹלָם! – אוּן עֶר ווִיל גָאר קַיין שׁוּם דוּךְ [הֶבֶל־פַּארֶע] אִין [דִי נַארִישְׁקַייטְן פוּן] דֶער וֶועלְט, נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן)!

**אָבֶּער צוּם אֶמֶת: הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַ ׳שֵׁיינֶעם־הַאלְז׳! זֵייעֶר אַ ׳וואוּילְן־הַאלְז׳** [וואוּנְדֶערְלִיכְן־הַאלְז]**! – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ׳וואוּיל־קוֹל׳** [וואוּנְדֶערְלִיכְן־קוֹל]**!**

**אוּן אַלֶע** [סָארְט] **׳קוֹלוֹת׳ וָואס** [אִיז פַארְהַאנֶען] **אִין דֶער וֶועלְט, וָואס זֶענֶען נָאר אַ ׳קוֹל׳ אָן אַ ׳דִיבּוּר׳ – קֶען אִיךְ אַלֶע ׳קוֹלוֹת׳ נָאכְמַאכְן מִיט מַיין ׳קוֹל׳! – וָוארְן אִיךְ הָאבּ אַ ׳הַאלְז׳, אוּן אַ ׳קוֹל׳, זֵייעֶר אַ וואוּילְס** [וואוּנְדֶערְלִיכְן]**! – אוּן אִיךְ הָאבּ אַ ׳הַסְכָּמָה׳ דֶערוֹיף, פוּן ׳דֶער** [יֶענֶעם] **מְדִינָה״״!**

**[אוֹת ב] וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זֵיי קֶענֶען אַלֶע זֵייעֶר וואוּיל** [זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר בַּאקַאנְט אִין] **דִי חָכְמָה פוּן ׳מוּזִיקַא׳** [מוּזִיק]**!** (דְהַיְינוּ: דִי חָכְמָה פוּן שְׁפִּילְן אוּן זִינְגֶען)!

**אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע דָארְט עוֹסֵק אִין דֶער חָכְמָה, אוּן אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער! – סְ׳אִיז דָארְטְן נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אַ קִינְד, וָואס סְ׳זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ ׳כְּלִי־שִׁיר׳!**

**אוּן דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דֶער** [דָאזִיגֶער] **מְדִינָה, אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה, אִין דֶער** [דָאזִיגֶער] **חָכְמָה פוּן מוּזִיקַא** [מוּזִיק]**!**

**אוּן דִי ׳חֲכָמִים׳ אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פוּן דֶער** [דָאזִיגֶער] **מְדִינָה, אוּן דִי ׳קַאפֶּעלְיֶעס׳, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ׳ווִילְד־גְרוֹיסֶע חֲכָמִים׳ אִין דֶער** [דָאזִיגֶער] **׳חָכְמָה׳!**

**אַמָאל זֶענֶען גֶעזֶעסְן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער** [דָאזִיגֶער] **מְדִינָה! אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה אִין ׳מוּזִיקַא׳** [מוּזִיק]**!**

**דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף דֶעם** [דָאזִיגְן] **׳כְּלִי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף דֶעם** [דָאזִיגְן] **׳כְּלִי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״מִיט דֶעם** [דָאזִיגְן] **׳כְּלִי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף עֶטְלִיכֶע ׳כְּלֵי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף אַלֶע ׳כְּלֵי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״אַז עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־ווִי דָאס** [דָאזִיגְן] **׳כְּלִי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־ווִי דָאס** [דָאזִיגְן] **׳כְּלִי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־ווִי עֶטְלִיכֶע ׳כְּלֵי־שִׁיר׳״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״אַז עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין קוֹל, אַזוֹי־ווִי אַ ׳פּוֹיק׳ פּוּנְקְט, גְלַייךְ ווִי מְ׳פּוֹיקְט״!**

**אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: ״עֶר קֶען מַאכְן מִיט זַיין ׳קוֹל׳, אַזוֹי־ווִי מְ׳שִׁיסְט אוֹיס פוּן אַ ׳הוּרְמַאטֶעס״** [פֵּייעֶר־בִּיקְס]**!**

*

אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶועֶן! (דְהַיְינוּ: דֶער מִיט דֶעם 'קְרוּמֶען־הַאלְז', וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)! – הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאבּ צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין קוֹל, אִיז בֶּעסֶער פוּן אַייעֶרֶע קוֹלוֹת"! – וְהָא־רַאְיָה: וָוארְן אַז אִיר זֶענְט יָא אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין 'מוּזִיקַא' [מוּזִיק], [אוֹיבּ אַזוֹי] הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת!

[אוֹת ג] וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן צְוֵויי מְדִינוֹת, אוּן דִי [דָאזִיגֶע] צְוֵויי מְדִינוֹת זֶענֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער, טוֹיזְנְט מַייל! – אוּן דָארְט אִין דִי [דָאזִיגֶע] צְוֵויי מְדִינוֹת, אַז סְ'קוּמְט דִי נַאכְט, קֶען מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן – וָוארְן אַז סְ'וֶוערְט נַאכְט, אַזוֹי הֵייבְּן זֵיי אַלֶע אָן צוּ קְלָאגְן מִיט אַ 'קוֹל־יְלָלָה', אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף!

וָוארְן בַּייַנאכְט, הֶערְט מֶען דָארְט אַ 'קוֹל־יְלָלָה' זֵייעֶר! (דְהַיְינוּ: אַ וֵויינֶענְדִיג קוֹל פוּן קְלָאגְן)! – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם מוּזְן זֵיי אַלֶע דָארְט אָנְהֵייבְּן צוּ קְלָאגְן, מַאנֶען [מֶענֶער], אוּן וַוייבֶּער, אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער! – אַז סְ'זָאל לִיגְן אַ 'שְׁטֵיין', וָואלְט עֶר 'צוּגָאסְן גֶעוָוארְן'! – אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ אִין דִי [דָאזִיגֶע] צְוֵויי מְדִינוֹת! – וָוארְן אִין דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה הֶערְט מֶען דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', מוּזְן זֵיי אַלֶע קְלָאגְן כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן אַזוֹי אִין דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה, אִיז אוֹיךְ אַזוֹי! – אוּן אֵיין מְדִינָה פוּן דֶער אַנְדֶערֶער, אִיז וַוייט טוֹיזְנְט מַייל!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]: אַז אִיר זֶענְט [יָא] אַזוֹינֶע חֲכָמִים אִין 'מוּזִיקַא' (דְהַיְינוּ: אִיר קֶענְט שְׁפִּילְן אוּן זִינְגֶען) – [אוֹיבּ אַזוֹי] הֶעלְפְט זֶע דִי צְוֵויי מְדִינוֹת! אָדֶער מַאכְט כָאטְשֶׁע נָאךְ דָאס 'קוֹל'! (דְהַיְינוּ: [אַזוֹי־וִוי] דָאס 'קוֹל־יְלָלָה' וָואס מְ'הֶערְט דָארְט, מַאכְט [פּוּנְקְטְלִיךְ] נָאךְ דָאס קוֹל)!

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִינְפִירְן"? – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", אִיךְ פִיר אַייךְ אַהִין"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ [דֶערְוֶועקְט, אוּן זִיךְ] אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע, אַהִינְצוּגֵיין! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען! (דְהַיְינוּ: צוּ אֵיין מְדִינָה פוּן דִי צְוֵויי מְדִינוֹת הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

וִוי סְ'גֶעקוּמֶען נַאכְט, אִיז גֶעוֶועֶן אַזוֹי־וִוי תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג], זֵיי הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלָאגְן! – אוּן דִי חֲכָמִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְלָאגְט! – (הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעזֶעהְן: אַז זֵיי קֶענֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן [דִי דָאזִיגֶע מְדִינוֹת])!

הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַ 'קְרוּמֶען־הַאלְז', הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): "עַל־כָּל־פָּנִים, זָאגְט מִיר: פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס 'קוֹל־יְלָלָה' וָואס מְ'הֶערְט דָארְט, פוּן וַואנֶעט אִיז דָאס קוֹל"?!

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אוּן דוּ וֵוייסְט"?! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס [זִיכֶער] יָא"!

[אוֹת ד] וָוארְן סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן 'צְוֵויי־פֵייגְל', אֵיינֶער אַן 'עֶר', אוּן אֵיינֶע אַ 'זִי'! – אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'פֵייגְל', זֶענֶען נָאר אֵיין פָּאר אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אִיז דִי 'זִי' פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן! – זוּכְט 'עֶר' 'זִי'! אוּן 'זִי' זוּכְט 'אִים'! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לַאנְג גֶעזוּכְט, 'אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע' – בִּיז זֵיי זֶענֶען פַארְעֶרְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן!

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעפוּנֶען 'אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע' – זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט נֶעסְטְן!

דֶער 'עֶר' הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ 'נֶעסְט', לֶעבְּן [נֶעבְּן] אֵיין מְדִינָה פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] צְוֵויי־מְדִינוֹת! – אוּן נִישְׁט רֶעכְט [פּוּנְקְט] נָאנְט, נָאר וֶועדְלִיג [לוֹיט] דָאס קוֹל פוּן דֶעם פוֹיגְל, הֵייסְט דָאס נָאנְט – וָוארְן פוּן דֶעם אָרְט וִוי 'עֶר' הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֶעסְט, קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט הֶערְן 'זַיין' קוֹל אִין דֶער מְדִינָה!

אוּן אַזוֹי 'זִי' הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ 'נֶעסְט', לֶעבְּן [נֶעבְּן] דֶער אַנְדֶערֶער מְדִינָה! – (דְהַיְינוּ: אוֹיךְ אַזוֹי נִישְׁט רֶעכְט [פּוּנְקְט] נָאנְט, נָאר פוּן דָארְט קֶען מֶען שׁוֹין הֶערְן 'אִיר' קוֹל דָארְט)!

אוּן אַז סְ'קוּמְט דִי נַאכְט, אַזוֹי הֵייבְּן אָן דִי [דָאזִיגֶע] 'פָּאר־פֵייגְל' צוּ קְלָאגְן! – וָוארְן 'עֶר' קְלָאגְט אוֹיף 'אִיר'! אוּן 'זִי' קְלָאגְט אוֹיף 'אִים'! – קְלָאגְן זֵיי זֵייעֶר, מִיט אַ גְרוֹיס 'קוֹל־יְלָלָה'! – אוּן דָאס אִיז דָאס 'קוֹל־יְלָלָה', וָואס מְ'הֶערְט אִין דִי [דָאזִיגֶע] צְוֵויי מְדִינוֹת, וָואס מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'קוֹל' מוּזְן זֵיי אַלֶע קְלָאגְן דָארְט, אוּן קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן! – (אַזוֹי הָאט דֶער [בֶּעטְלֶער מִיטְן] 'קְרוּמֶער־הַאלְז', זֵיי אַלְץ דֶערְצֵיילְט)!

לוּשְׁמִיר [נָאר], זֵיי הָאבְּן אִים דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן – הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וֶועסְטוּ אוּנְז אַהִינְפִירְן"?! (דְהַיְינוּ: צוּ דִי פֵייגְל)!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״יָא, אִיךְ קֶען אַייךְ פִירְן אַהִין! – לוּשְׁמִיר [נָאר] וִוי קֶענְט אִיר קוּמֶען אַהִין? – מַאדָאךְ דָא קֶענְט אִיר נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין [אוֹיסְהַאלְטְן] דָאס ׳קוֹל־יְלָלָה׳, אוּן אִיר מוּזְט אַלֶע קְלָאגְן – אַז אִיר וֶועט אַהִינְקוּמֶען [דָארְט], וֶועט אִיר זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְשְׁטֵיין [אוֹיסְהַאלְטְן] דָאס ׳קוֹל־יְלָלָה׳?!

אוּן בַּייטָאג, קֶען מֶען דָארְט דִי ׳שִׂמְחָה׳ נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין [אוֹיסְהַאלְטְן]! – וָוארְן בַּייטָאג קוּמֶען זִיךְ דָארְט צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] ׳פֵייגְל׳, צוּ אִיטְלֶעכְן בַּאזוּנְדֶער, דְהַיְינוּ: צוּ ׳אִים׳, אוּן צוּ ׳אִיר׳ – אוּן זֵיי טְרֵייסְטְן זֵיי! אוּן מַאכְן זֵיי פְרֵיילֶעךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת! – אוּן זֵיי רֶעדְן זֵיי אוֹיס, אוּן טְרֵייסְטְן זֵיי: ״אִיר וֶועט זִיךְ נָאךְ אָפְּזוּכְן [טְרֶעפְן], אֵיינְס דָאס אַנְדֶערְע״! – אוּן זֵיי מַאכְן זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ! – בִּיז בַּייטָאג, קֶען מֶען דָארְט דִי [גְרוֹיסֶע] ׳שִׂמְחָה׳ נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֵיין [אוֹיסְהַאלְטְן]!

אוּן דָאס ׳קוֹל׳ פוּן דֶער ׳שִׂמְחָה׳ [פוּן דִי ׳פֵייגְל׳ וָואס מַאכְן זֵיי פְרֵיילֶעךְ], הֶערְט מֶען נִישְׁט וַוייט, נָאר אַז מְ׳קוּמְט אַהִין! – אָבֶער דָאס ׳קוֹל־יְלָלָה׳ [פוּן דִי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע ׳פָּאר־פֵייגְל׳, וָואס קְלָאגְן בַּיינַאכְט], דָאס הֶערְט מֶען וַוייט! – קֶענְט אִיר דֶעריבֶּער, אַהִין נִישְׁט קוּמֶען״!

[אוֹת ה] הָאבְן זֵיי [דִי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְטֶע חֲכָמִים], צוּ אִים גֶעזָאגְט [צוּם ׳בֶּעטְלֶער מִיטְן קְרוּמֶען־הַאלְז׳]: ״קֶענְסְטוּ דָאס פַארֶערְכְטְן״?!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא, אִיךְ קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן! – וָוארְן אִיךְ קֶען [פוּנְקְטְלִיךְ] נָאכְמַאכְן אַלֶע ׳קוֹלוֹת׳ פוּן דֶער וֶועלְט! – אוּן וִוידֶער, אִיךְ קֶען וַוארְפְן ׳קוֹלוֹת׳! דְהַיְינוּ: אִיךְ קֶען וַוארְפְן אַ ׳קוֹל׳, וָואס דָא וִוי אִיךְ לָאז אַרוֹיס דָאס ׳קוֹל׳, זָאל מֶען דָאס ׳קוֹל׳ גָארְנִישְׁט הֶערְן – נָאר וַוייט, זָאל מֶען דָארְט דָאס ׳קוֹל׳ הֶערְן!

דֶעריבֶּער, קֶען אִיךְ וַוארְפְן דָאס ׳קוֹל׳, פוּן ׳אִיר׳ צוּ ׳אִים׳! – דְהַיְינוּ: [אַז] דָאס ׳קוֹל׳ וָואס אִיךְ וֶועל ׳אִיר׳ נָאכְמַאכְן, זָאל אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶעם אָרְט וואוּ ׳עֶר׳ אִיז! – אוּן אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוארְפְן ׳זַיין׳ ׳קוֹל׳, אַז סְ׳זָאל אָנְקוּמֶען נָאנְט צוּ ׳אִיר׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם, וֶועל אִיךְ זֵיי צוּם אוֹיפְצִיעֶן [צוּנוֹיפְצִיעֶן]! (בִּיז עֶר וֶועט זֵיי צוּם אוֹיפְבְּרֶענְגֶען [צוּנוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען]! – [אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט דָאס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן]!

לוּשְׁמִיר [נָאר] וֶוער וֶועט דָאס אִים גְלֵייבְן?!

*

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין אַ ׳וַואלְד׳ אַרַיין!

הָאבְן זֵיי גֶעהֶערְט [אַ קוֹל]: ״אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער עֶפְנְט אוֹיף אַ ׳טִיר׳! אוּן פַארְמַאכְט [פַארְשְׁלִיסְט] זִי וִוידֶער [מִיטְן ׳רִיגְל׳ וָואס מְ׳רוּפְט דָאס: ׳קְלַאמְקֶע׳]! – אוּן [זֵיי הָאבְן גֶעהֶערְט דִי קוֹל: וִוי עֶר] טוּט אַ קְלַאפּ [פַארְשְׁלִיסְט דִי טִיר] מִיט דֶער ׳קְלַאמְקֶע׳ [רִיגְל]! אוּן [עֶר] שִׁיסְט אוֹיס מִיט אַ ׳בִּיקְס׳! – אוּן שִׁיקְט נָאךְ דֶעם ׳הִינְט׳ אַז עֶר זָאל כַאפְּן [דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעשָׁאסְן]! – אוּן דֶער ׳הִינְט׳ הָאט גֶעגְרָאזְנְט [זִיךְ גֶעקְלַאפְּט אוּן זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט] אִין ׳שְׁנֵיי״׳!

אוּן דָאס הָאבְן זֵיי אַלְץ גֶעהֶערְט [דִי דָאזִיגֶע ׳חֲכָמִים׳]! – אוּן זֵיי הָאבְן זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט! הָאבְן זֵיי נִישְׁט גֶעזֶעהְן קַיין שוּם זַאךְ! – אוּן פוּן אִים, הָאבְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין שוּם ׳קוֹל׳!

(נָאר [בֶּאֱמֶת]: ׳עֶר׳, דְהַיְינוּ דֶער ׳קְרוּמֶער־הַאלְז׳, הָאט עֶר עֶס גֶעוָוארְפְן אַזוֹינֶע קוֹלוֹת!

הָאבְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהְן: אַז עֶר קֶען [פוּנְקְטְלִיךְ] נָאכְמַאכְן אַלֶע עֶרְלֵיי ׳קוֹלוֹת׳! אוּן עֶר קֶען וַוארְפְן ׳קוֹלוֹת׳)!

(אוּן וַוייטֶער, הָאט עֶר [רַבֵּינוּ זַ״ל] דָא נִישְׁט דֶערְצֵיילְט! – אוּן סְ׳גֵייט [סְ׳טוּט זִיךְ] דָא נָאךְ אָפּ)!

[אוֹת ו] ״נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: הָאבּ אִיךְ אַ ׳הַסְכָּמָה׳ פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳, אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ ׳וואוּיל־קוֹל׳ [וואוּנְדֶערְלִיכְן־קוֹל]! אוּן [אַז] אִיךְ קֶען נָאכְמַאכְן אַלֶע [סָארְט] ׳קוֹלוֹת׳ פוּן דֶער וֶועלְט [וִוי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְט]! – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס בְּמַתָּנָה גְמוּרָה ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ״!

אִיז דָארְט גֶעוָוארְן: אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה! אוּן אַ גְרוֹיסֶע הֶדְוָה זֵייעֶר!

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ___________________

טעלפון ___________________

שטאט ___________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די דרייצנטע מעשה (5) - פון די זיבן בעטלירס

**א. שאלת חכמות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בעטלער וואס האט א קרומע האלדז?** (עיין ימי מוהרנ"ת א"ב)

- ❑ שב"ק כ"ה אדר תק"ע
- ❑ שב"ק ג' ניסן תק"ע
- ❑ דינסטאג ו' ניסן תק"ע

**ב. ווי אזוי איז געווען באמת די האלז פון דעם פערטן בעטלער?**

- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ זייער א גלייכע האלדז
- ❑ זייער א גלייכע און א שיינע האלדז

**ג. וואספארא קול האט דער בעטלער געהאט?**

- ❑ א הייזעריגע קול
- ❑ א פשוטע'ע קול
- ❑ זייער א וואויל קול

**ד. פון וועמען האט ער א הסכמה?**

- ❑ פון די מדינה וואס לעבן חיים טובים
- ❑ פון דעם אמת'ן איש חסד
- ❑ פון די מדינה וואס אלע זענען חכמים אין מוזיקא

**ה. וויפיל חכמים רעכנט דער רבי אויס וואס האבן זיך בארימט מיט די חכמה פון נגינה?**

- ❑ דריי
- ❑ זיבן
- ❑ צעהן

**ו. וועלכע קולות איז דער רבי מפרט אז זיי קענען עס נאכמאכן?**

- ❑ א פויק און א פידל
- ❑ א פויק און א פייפער
- ❑ א פויק און וואו מישיסט פון הורמאטעס

**ז. מיט וואס איז די קול פון דעם בעטלער בעסער פון זייערע?**

- ❑ ווייל זייער קול איז שטילער
- ❑ ווייל זייער קול איז מער הייזעריג
- ❑ ווייל זיי קענען נישט העלפן די צוויי מדינות

**ח. וואו ווייט זענען די צוויי מדינות איינס פון די אנדערע?**

- ❑ פינעף הונדרעט מייל
- ❑ טויזענט מייל
- ❑ א תחום שבת

**ט. וואס געשעהט ביינאכט ביי די צוויי מדינות?**

- ❑ די עלטערע מענטשן קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ❑ די ווייבער און קליינע קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול
- ❑ מענער ווייבער און קינדער קלאגן מיט א וויינעדיגע קול

**י. וואס איז געשען צו די חכמים ווען זיי האבן געהערט די קלאגן פון די מדינה?**

- ❑ זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א עצה זיי צו העלפן
- ❑ זיי האבן אויך אנגעהויבן קלאגן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. וואס זאגט דער בעטלער פון וואו קומט דער קול וואס דורך דעם קלאגן די מדינות?**

- ❑ פון צוויי פייגל וואס זוכן זיך איינס דאס אנדערע
- ❑ פון א לייב וואס שרייט
- ❑ פון מענטשן וואס קלאגן

**יב. פארוואס קענען נישט די חכמים קומען צו די פייגל?**

- ❑ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ❑ ווייל ס'איז א סכנה'דיגע וועג
- ❑ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די קול יללה

**יג. און פארוואס קענען נישט די חכמים קומען דארט בייטאג?**

- ❑ ווייל נאנט הערט מען די קול יללה אויך בייטאג
- ❑ ווייל דער בעטלער קען זיי נישט אהינפירן
- ❑ ווייל זיי וועלן נישט קענען אויסהאלטן די שמחה וואס איז דא דארט בייטאג

**יד. וואו ווייט הערט מען די קול פון די שמחה בייטאג?**

- ❑ אזוי ווייט וואו די קול יללה פון ביינאכט
- ❑ ווייטער פון די קול יללה פון ביינאכט
- ❑ נאר אז מיקומט אהין (ביי די פייגל)

**טו. צו וואו האט דער בעטלער געפירט די חכמים?**

- ❑ אין א וואלד אריין
- ❑ צו זיין שטוב
- ❑ צו א גארטן

**טז. פון וועלכע זאכן האבן זיי דארט געהערט א קול?**

- ❑ פון א פויק, א פידל, א טיר און א הונט
- ❑ פון א טיר-קלאמקע, א ביקס און א הונט
- ❑ פון א פויק, א פידל און א טיר-קלאמקע.

**יז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?**

- ❑ אז ס'איז ראוי גאר שטארק זיך צו פרייען, מיטן האפן אז מ'וועט זיך נאך טרעפן
- ❑ די גרויסקייט פון דעם בעטלער וואס העלפט די מדינות
- ❑ ___________________.

## איז געווארן דארט א גרויסע שמחה און א גרויסע חדוה זייער - מיט פיל הצלחה

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף,
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.